גליון 279
אה"ק תשפ"ו

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## בְּלוֹיז דִמְיוֹן - אַלְץ אִיז בְּסֵדֶר!

מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה: אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִיז דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶענֶעכְטִיגְט. פַּארְטָאגְס הָאבְּן זֵיי פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט אַ הִילְכִיגְן גֶעלֶעכְטֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַלֶע בֵּיימֶער צִיטֶערְן אוּן רוּדֶערְן.

דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּנֶעם פְּרִינְץ הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוּט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם וַואלְד-מֶענְטְשׁ: "וָואס אִיז דָאס?"

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז דֶער טָאג וָואס לַאכְט פוּנֶעם נַאכְט. דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג: 'פַארְוָואס וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן, הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קֵיין נָאמֶען?' אוּן דֶעמָאלְט לַאכְט דֶער טָאג אַ גְרוֹיסְן גֶעלֶעכְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס טָאג."

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לֶערְנוּנְג פַארְן לֶעבְּן. מִיר הָאבְּן אָפְטְמָאל גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת אִין קָאפּ: קוֹלוֹת, שְׁמוּעוֹת, מַחֲשָׁבוֹת, אוּן אַנְטוֹישׁוּנְגֶען, בִּיז מִיר וֶוערְן מַמָּשׁ צֶעטְרֵייסְלְט דֶערְפוּן אוּן אוּנְזֶער הַארְץ וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן צוּבְּרָאכְן. פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אָן דֶער אִינְדֶערְפְרִי, "דֶער טָאג", אוּן סְ'וֶוערְט נִתְגַלֶּה אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן אוּן לִיגְן, אוּן יֶענֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַאכְט הָאט בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין נָאמֶען. דִי קוֹלוֹת פַארְשְׁוִוינְדְן פְּלוּצְלוּנְג, אוּן דִי גַאנְצֶע רַעַשׁ וֶוערְט פַארְגֶעסְן.

אָנְהֵייבּ חוֹדֶשׁ, וֶוען מְנַחֵם אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זַיין חַבֵר שְׁלוֹמִי מִיט אַ 'קְרֶעמְבָּא' אִין דִי הַאנְט. עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט יֶעצְט אִין גֶעשֶׁעפְט. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, זֶעט עֶר זַיינֶע חֲבֵרִים דוּדִי, נַחְמָן, אוּן מָרְדֳּכַי שְׁפַּאצִירְן אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען. אוּן וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אִין דִי הֶענְט? קְרֶעמְבָּאס! מְנַחֵם הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן שְׁנֶעל אַהֵיים גֶעלָאפְן.

צוּמָארְגְנְס, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בַּיי הַפְסָקָה אִין חֵדֶר, זֶעט עֶר וִוי זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין אַ ווִינְקְל אוּן שְׁמוּעֶסְן. שְׁלוֹמִי, דוּדִי, מָרְדֳּכַי, אוּן נַחְמָן הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

מְנַחֵם אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס, גֶעלֵייגְט דֶעם קָאפּ צְוִוישְׁן דִי הֶענְט, אוּן פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּהַאלְטְן דִי טְרֶערְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין פַאר זַיין מַאמֶע: "זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע חֲבֵרִים! זֵיי הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט לִיבּ! זֵיי מַאכְן פְּלֶענֶער אוּן גֵייעֶן אִיבֶּערָאל צוּזַאמֶען, זֵיי קוֹיפְן זִיךְ נַאשׁ, אוּן מִיךְ לָאזְן זֵיי אִינְדְרוֹיסְן! וָואס הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעטָאן? פַארְוָואס נֶעמֶען זֵיי מִיךְ נִישְׁט מִיט? אֲפִילוּ בַּיי הַפְסָקָה הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזֶען שְׁמוּעֶסְן סוֹדוֹת, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אִיךְ זָאל הֶערְן אוּן זֵיי בַּאהַאלְטְן זַאכְן פוּן מִיר...

"סְ'טוּט מִיר וֵויי! עֶס צוּטְרֵייסְלְט מַיין הַארְץ! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע כָּבוֹד-שְׁפִּילֶערַייעֶן פוּן דִי שְׁטָאלְצֶע חֲבֵרִים! אִיךְ הָאבּ זֵיי דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעטָאן!"

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז דוּדִי צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט ווָאוּנְדֶער: "מְנַחֵם, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אוֹיךְ צוּם 'חֶלְקֵנוּ' חֶבְרָה? סְ'אִיז אַ נַייעֶ חֶבְרָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט נֶעבְּן דַיין הוֹיז, וואוּ יֶעדֶע קִינְד וָואס דֶערְצֵיילְט דְרַיי נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען בַּאקוּמְט אַ זִיסֶע נַאשׁ. אֵיין מָאל בִּין אִיךְ אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאקוּמֶען אַ קְרֶעמְבָּא, אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן נַחְמָן אוּן מָרְדֳּכַי, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז שְׁלוֹמִי אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען. וָואס אִיז מִיט דִיר? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֵוייסְט אוֹיךְ דֶערְפוּן?"

מְנַחֵם אִיז גֶעבְּלִיבְּן גֶעפְּלֶעפְט אוּן אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט: "קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר. קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף מִיר. קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט פַיינְט. קֵיין אֵיין חַבֵר מֵיינְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט אָדֶער רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף מִיר. מַיינֶע דִמְיוֹנוֹת הָאבְּן פָּשׁוּט פַארְפִינְסְטֶערְט מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת כְּאִילוּ יֶעדֶער הָאט מִיךְ פַיינְט."

מְנַחֵם הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי "נַאכְט" מֵיינְט דִי דִמְיוֹנוֹת כְּאִילוּ קֵיינֶער גְלַייכְט אִים נִישְׁט, אוּן "טָאג" אִיז דִי הִתְגַלּוּת אַז אַלֶעס אִיז אַ לִיגְן, אוּן דִי שְׁרֶעק אוּן דִמְיוֹנוֹת זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת. דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ: "דֶער טָאג לַאכְט פוּנֶעם נַאכְט". וֶוען דֶער טָאג קוּמְט, דָאס הֵייסְט וֶוען עֶר זֶעט דִי גוּטְס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, דֶעמָאלְט לַאכְט עֶר פוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט וֶוען סְ'אִיז גֶעוֶוען נַאכְט. בֶּאֱמֶת עֶקְזִיסְטִירְן דִי דִמְיוֹנוֹת בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הָאט "דִי נַאכְט נִישְׁט קֵיין נָאמֶען וֶוען דֶער טָאג קוּמְט", וַוייל סְ'אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן!



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"א - מבן מלך ובן שפחה שנתחלפו (5)

**און עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן זִיפְץ גִיטָאן.** צוּ וָואס אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען. אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין קְנֶעכְט. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר גִיוֶוען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט) וָואס פַאר אַ גְדוּלָה הָאסְטוּ עֶס גִיהַאט. אַז דוּ זִיפְצְט. וָואס דוּ בִּיסְט דֶערְצוּ גִיקוּמֶען. **הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט** און הָאט אִים דֶערְצֵיילְט. בַּאֲשֶׁר עֶר אִיז גִיוֶועןאֵיין מֶלֶךְ. הָאט מֶען אוֹיף אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטִין גִיוָוארִין וְכוּ' כַּנַ"ל. (וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד דָאס אִיז טַאקֶע גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין וָואס צוּם אֶמֶת אִיז עֶר גִיוֶוען דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה)

**הָאט עֶר פַארְטְרִיבִּין זַיין חַבֶר** (דְהַיינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ) אַמָאל אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף דֶער דֵיעָה אַז עֶר הָאט נִיט רֶעכְט גִיטָאן. און עֶר הָאט חֲרָטָה גִיהַאט וְכוּ'. פְלֶעגְט אִים קוּמֶען אִין זִין אַלְץ חֲרָטוֹת תָּמִיד אוֹיף דֶעם מַעֲשֶׂה רַע און אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זַיין חַבֶר גִיטָאן.

אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גִיחָלֶמְט אַז זַיין תִּיקוּן אִיז. אַז עֶר זָאל אַוֶועק וַוארְפִין דִי מְלוּכָה. און עֶר זָאל גֵיין וִוי הִין דִי אוֹיגִין וֶועלִין אִים טְרָאגִין. און דֶערְמִיט וֶועט עֶר פַאר רֶעכְטִין זַיין חֵטְא. הָאט עֶר דָאס נִיט גִיוָואלְט טָאן. נָאר סֶע פְלֶעגִין אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד דִי דָאזִיגֶע חֲלוֹמוֹת. אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. בִּיז סֶע אִיז בַּיי אִים גִיבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵיעָה אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן. און עֶר הָאט אַוֶועק גִיוָוארְפִין דִי מְלוּכָה. און אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען. און הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט. און דֶער הֶערְט דָאס אַלְץ און שְׁוַוייגְט (דְהַיינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גִיטְרִיבְּן בְּהֵמוֹת. הָאט דָאס אַלְץ אוֹיס גִיהֶערְט וָואס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) און עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט. **אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט דִיר.**

**בַּיי נַאכְט אִיז אָנְגִיקוּמֶען** דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד און הָאט זֵיי גִיגִיבְּן עֶסִין און טְרִינְקֶען. און זֵיי הָאבִּין דָארְט אִיבֶּער גִינֶעכְטִיגְט. אַקֶעגִין טָאג הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט דָאס גְרוֹיסֶע גִילֶעכְטֶער (הַנַּ"ל) בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער הָאבִּין גִיצִיטֶערְט.

**סֶע הָאט גִיבְּרָאכִין אַלֶע בֵּיימֶער** (דָאס קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער) הָאט עֶר אִים אָנְגִירֶעט (דְהַיינוּ דֶער קְנֶעכְט הָאט אָנְגִירֶעט דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר) **אַז עֶר זָאל פְרֶעגִין דֶעם** מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד. וָואס דָאס אִיז.

**הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער נָאנְט צוּ טָאג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָאס לַאכְט דֶער טָאג אוֹיס דֶער נַאכְט. וָוארִין דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג. פַארְוָואס אַז דוּ קוּמְסְט. הָאבּ אִיךְ קֵיין נָאמֶען נִיט. טוּט דֶער טָאג אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער.

**און דֶערְנָאךְ וֶוערְט טָאג.** און דָאס אִיז דָאס גִילֶעכְטֶער וָואס מֶע הֶערְט נָאנְט צוּ טָאג. אִיז דָאס בַּיי אִים אַ גְרוֹיס וִוינְדֶער גִיוֶוען. וָוארִין דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ וִוילְדֶע זַאךְ. אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט (פְרֶעגִין וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אַז יֶענֶער עֶנְפֶערְט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן).

**אִין דֶער פְרִיא** אִיז וִוידֶער דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. און זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין און גִיטְרִינְקֶען.

**בַּיינַאכְט אִיז עֶר וִוידֶער גִיקוּמֶען.** און זֵיי הָאבִּין גִיגֶעסִין און גִיטְרוּנְקֶען און הָאבִּין גִינֶעכְטִיגְט דָארְט.

בַּיינַאכְט הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת. וִוי זֵיי הָאבִּין אַלֶע גִישְׁרִיגְן אוּן גִיבְּרוּמְט מִיט וִוילְדֶע קוֹלוֹת.

**דֶער לֵייבּ הָאט גִישְׁרִיגְן.** אוּן דֶער לֶעמְפֶּערְט הָאט גִיבְּרוּמְט מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע חַיוֹת. הָאט אִיטְלִיכֶע חַיָה מִיט אֵיין אַנְדֶער קוֹל גִיבְּרוּמְט. אוּן דִי עוֹפוֹת הָאבִּין גִישְׁוִוישְׁטְשִׁיט אוּן גִיקְנַאקְט.

**אוּן אַזוֹי אַלֶע הָאבִּין גִיבְּרוּמְט** מִיט וִוילְדֶע קוֹלוֹת. אוּן אִין דֶער תְּחִילָה. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט רֶעכְט צוּגִיהֶערְט צוּם קוֹל מַחְמַת פַּחַד. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי צוּ גִיבּוֹיגִין דִי אוֹיעֶרִין אוּן הָאבִּין זִיךְ צוּ גִיהֶערְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט.** אַז דָאס אִיז אֵיין קוֹל פוּן אַ נִיגוּן זֵי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ וואוֹילִין נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגִיהֶערְט.

**הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט.** אַז סֶע אִיז אַ וִוילְד וואוֹילֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר אֵיין וִוילְד חִידוּשׁ. וָואס סֶע אִיז אַ וִוילְד גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג דָאס צוּ הֶערִין. וָואס אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע גָאר נִישְׁט. אוּן טְרֶעפִין גָאר נִיט אָן. אַקֶעגִין דֶעם וִוילְד גְרוֹיסִין תַּעֲנוּג וָואס מֶע הָאט אַז מֶע הֶערְט דֶעם וִוינְדֶערְלִיכְן נִיגוּן.

**הָאבִּין זֵיי צְוִוישִׁין זִיךְ גִישְׁמוּסְט** אַז זֵיי וֶועלִין שׁוֹין דָא בְּלַייבִּין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָא צוּ עֶסִין אוּן צוּ טְרִינְקֶען. אוּן הָאבִּין דָא אַזוֹי אֵיין תַּעֲנוּג וָואס עֶר אִיז אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. וָואס אַלִירְלֵיי תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט וֶוערִין גָאר בָּטֵל אַקֶעגִין דֶעם תַּעֲנוּג.

**הָאט אָנְגִירֶעט** דֶער קְנֶעכְט דֶעם הַארִין. (דְהַיְינוּ דֶעם אֶמֶתִין בֶּן מֶלֶךְ) אַז עֶר זָאל אִים פְרֶעגִין (דְהַיְינוּ דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד) וָואס אִיז דָאס. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט בַּאֲשֶׁר דִי זוּן הָאט גִימַאכְט אֵיין מַלְבּוּשׁ דֶער לְבָנָה.

**הָאבִּין זִיךְ אָנְגִירוּפִין** אַלֶע חַיוֹת פוּן דֶעם וַואלְד. בַּאֲשֶׁר דִי לְבָנָה טוּט זֵיי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת. וָוארִין זֵייעֶר שְׁלִיטָה פוּן דִי חַיוֹת אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר נָאר בַּיי נַאכְט. וָוארִין אַמָאל בַּאדַארְפִין זֵיי אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין.

**אוּן בַּיי טָאג קָאנֶען זֵיי נִיט.** אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר זֵייעֶר שְׁלִיטָה נָאר בַּיי נַאכְט. אוּן דִי לְבָנָה טוּט זֵיי אַזוֹי אַ טוֹבָה וָואס זִי לַייכְט זֵיי בַּיינַאכְט. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אַלֶע מַסְכִּים גִיוֶועזְן. אַז זֵיי זָאלִין מַאכִין אַ נַייעֶם נִיגוּן לְכָבוֹד דֶער לְבָנָה.

**אוּן דָאס אִיז דֶער נִיגוּן וָואס אִיר הֶערְט.** וִוי זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט. אַז דָאס אִיז אַ נִיגוּן הָאבִּין זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּ גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי גִיהֶערְט. אַז סֶע אִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער זִיסֶער נִיגוּן וָואס סֶע אִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר.

**הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגִירוּפִין** (דְהַיְינוּ דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד) וָואס אִיז דָאס בַּיי אַייךְ אַזוֹי אַ חִידוּשׁ. אֶלָא מַאי אִיךְ הָאבּ אַ כְּלִי וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גִיוֶועזְן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערִין.

**וָואס דִי כְּלִי אִיז גִימַאכְט גִיוָוארִין** מִיט אַזוֹינֶע זַאכִין מִיט אַזוֹינֶע בְּלֶעטְלִיךְ אוּן מִיט אַזוֹינֶע פַארְבִּין. וָואס אַז מֶען נֶעמְט דִי כְּלִי אוּן מֶען לֵייגְט זִי אוֹיף אַ וָואסִירֶע בְּהֵמָה. אוֹדֶער אוֹיף אַ וָואסֶער עוֹף. אַזוֹי הֵייבְּט עֶס תֵּיכֶף אָן צוּ שְׁפִּילִין דֶעם **נִיגוּן** (דְהַיְינוּ דֶעם נִיגוּן וָואס דִי חַיוֹת הָאבִּין דָא גִישְׁפִּילְט).

**דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גִיוָוארִין** דָאס גִילֶעכְטֶער. אוּן סֶע אִיז גִיוָוארִין טָאג. אוּן דֶער מֶענְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אִיז זִיךְ וִוידֶער אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ)

**אִיז גִיגַאנְגֶען זוּכִין דִי כְּלִי.** אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגִיזוּכְט אִין דֶעם גַאנְצִין חֶדֶר אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ גֵיין. **אוּן זֵיי** (דְהַיְינוּ דֶער אֶמֶתִיר בֶּן מֶלֶךְ מִיט זַיין קְנֶעכְט וָואס עֶר אִיז דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס פְרִיר אִיז עֶר גִיוֶועזְן מֶלֶךְ) **הָאבִּין** מוֹרָא גִיהַאט צוּ זָאגִין דֶעם מֶענְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד אַז עֶר זָאל זֵיי פִירִין אִין יִישּׁוּב אַרַיין.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר'העָרן



## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (5)

**א. וואס האט דער קנעכט פארציילט פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ❑ אז ער איז געווען א קעניג און מ'האט אויף אים געזאגט
- ❑ אז ער איז פארביטן, האט ער פארטריבן זיין חבר דער אמת'ער בן המלך
- ❑ אז עס פלעגן קומען אויף אים חרטות פארוואס ער האט פארטריבן זיין חבר און ער האט זיך געחלומ'ט אז זיין תיקון איז אז ער זאל גיין וואו אהין זיינע אויגן טראגן אים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס איז די גרויסע געלעכטער וואס זיי האבן געהערט נאכט צו אינדערפרי?**
- ❑ אז דער טאג לאכט פון דער נאכט
- ❑ אז דער נאכט לאכט פון דער טאג
- ❑ אז די זון לאכט פון די לבנה

**ג. וועלכע קול האבן זיי געהערט ביינאכט?**
- ❑ די קול פון די חיות ווי זיי ברומען
- ❑ די קול פון די פייגעלעך וואס האבן געשווישטשיט און געקנאקט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. לכבוד ווערמען האבן די חיות געמאכט די קול ביינאכט?**
- ❑ לכבוד די לבנה וואס לייכט פאר זיי ביינאכט
- ❑ לכבוד די זון וואס לייכט פאר זיי בייטאג
- ❑ לכבוד די שטערן וואס לייכטן ביינאכט

**ה. וועלכע כלי האט זיי באוויזן דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א בהמה שפילט עס דעם ניגון
- ❑ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א עוף שפילט עס דעם ניגון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. האט דער בן המלך געטראפן די כלי אין שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ יא, אבער ער האט מורא געהאט עס צו נעמען

**ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**דער בן מלך האט געזאגט אדער גיטראכט די ווערטער: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִיר" ?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (3)

לויט וואס מיר האבן געלערנט ביי די מעשה – פון ויפל מענטשן מיט זאכן האט דער אמתע'ד בן מלך מורא געהאט (זיך דערשראקן) ?

אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוּן זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין פַאר דֶעם סוֹחֵר - וָוארִין מַחְמַת גְרוֹיס פַּחַד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט... הָאט זִיךְ אִים גִידַאכְט. אַז דֶער סוֹחֵר וֶועט אִים הַרְגֶענֶען.

אוּן סֶע וִוידֶער גִיוָוארִין נַאכְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל וִוי דִי חַיוֹת בְּרוּמֶען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין.

וִוי עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. סֶע לִיגְט דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן

אַקֶעגִין טָאג. בִּיז דֶער בּוֹים הָאט גִיצִיטֶערְט פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן הָאט גְרוֹיס פַּחַד גִיהַאט דֶערְפוּן.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָּה דֶערְשְׁרָאקִין - הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין

וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com